# מיט א טיפערן בליק

## זמן שמחתינו תשפ"ו

## "שמחה מיט חשבונות"

בס"ד

א גוטן טייערע חברים וידידים..!

אצינד שטייען מיר שוין נאך די דערהויבענע און לעכטיגע ימים נוראים, מיר האבן געהאט דעם יום הקדוש, א הייליגע טאג פון מחילה סליחה וכפרה אין וועלכע מיר זענען אלע געווארן ריין אויסגעלייטערט און דערנענטערט צו השי"ת, כִּי בַיּוֹם הַזֶּה יְכַפֵּר עֲלֵיכֶם לְטַהֵר אֶתְכֶם מִכֹּל חַטֹּאתֵיכֶם לִפְנֵי ה' תִּטְהָרוּ. יעצט טרעטן מיר אריין בסייעתא דשמיא אינעם גרויסן יום טוב סוכות, א יום טוב פיל מיט מצוות און מעשים טובים, און בעיקר א יום טוב פיל מיט שמחה און פרייד, ווי מיר רופן עס טאקע אָן מיט'ן נאמען "זמן שמחתינו", צוליב די מצוה פון שמחה וואס איז נוהג אין איר. אזוי אויך געפונען מיר בזמן שבית המקדש היה קיים האט דער ענין פון שמחה פארנומען גאר א גרויסע אָרט אין דעם יום טוב, ווען מ'האט געפראוועט די דערהויבענע שמחה פון שמחת בית השואבה דורכאויס די נעכט פונעם יום טוב.

לאמיר זיך אביסל ארייַנטוהן און מתבונן זיין אינעם ענין פון מצות השמחה וואס די תורה הקדושה באפעלט אונז ספעציעל ביים יום טוב סוכות, ווי עס שטייט אין פסוק (דברים ט"ז) חַג הַסֻּכֹּת תַּעֲשֶׂה לְךָ שִׁבְעַת יָמִים וגו' וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶּךָ אַתָּה וּבִנְךָ וּבִתֶּךָ וגו' וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ. וואס איז טאקע די חשיבות פונעם יום טוב סוכות, אז דארט האט אונז די תורה ספעציעל באפוילן אויף די מצוה פון שמחה, מיט וואס פרייען מיר זיך, און וואס איז עס אונז מרמז?

והשנית, אז מיר קוקן אריין אין פסוק אין פרשת אמור ביי די מצוה פון נעמען די ארבעה מינים (ויקרא כ"ג מ') "וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר כַּפֹּת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ עָבֹת וְעַרְבֵי נָחַל וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם שִׁבְעַת יָמִים" איז משמע פון דעם אז דאס עצם נעמען די ד' מינים אינאיינעם ברענגט שמחה, וואס איז פשט דערפון און וויאזוי ארבעט דאס?

לאמיר מְעַיין זיין און זיך פארטיפן אין די נושא פון שמחה, און פארשטיין אביסל לשמחה מה זו עושה, וואס באדייט די שמחה פונעם יום טוב סוכות און וויאזוי מיר קענען צוגיין דערצו בס"ד.

מוֹעֲדִים לְשִׂמְחָה חַגִּים וּזְמַנִּים לְשָׂשׂוֹן

## זמן שמחתינו - די שמחה פון סוכות

### די גרויסקייט און חשיבות פון די שמחה

צום ערשט איז כדאי מקדים צו זיין די ווערטער פונעם הייליגן **פלא יועץ זי"ע** וועלכער שרייבט ווי פאלגענד:

עס שטייט פון די **תלמידי האריז"ל** אז ווער עס וועט זיין פריילך און גוטמוטיג א גאנץ יום טוב סוכות און וועט זיך גארנישט מצער זיין, דער איז פארזיכערט צו האבן א גוט יאר און ער וועט שטענדיג זיין פריילך. דעריבער זאל א מענטש פראבירן און זיך אנשטרענגען "אפילו מיט געוואלד" צו פארגעסן יעדן סארט טרויער און כעס, און יעדע זאך וואס איז איהם מצער זאל ער דערווייטערן, און ער זאל זיך פרייען יעדן טאג יו"ט מיט א פרישע שמחה של מצוה, עכ"ד.

עס זאגט זיך גרינג אז מען זאל פראבירן צו זיין פריילך במשך דעם גאנצן יום טוב סוכות, אבער ווען עס קומט דאס מקיים צו זיין בפועל איז שוין אן אנדערע מעשה... די וועלט זאגט טאקע נאך פונעם **ווילנער גאון זי"ע** (יארצייט י"ט תשרי - יום ה' דחג הסוכות) אז די מצוה פון "ושמחת בחגך" איז די שווערסטע מצוה מקיים צו זיין, דאס קענען זיין פריילך אזויפיל טעג אין א ציה.

ווי אויך איז איבריג צו זאגן, אז דער יצר הרע קומט ספעציעל צו גיין אין אזעלכע דערהויבענע זמנים אריינצוברענגען באזונדערע נסיונות און מכשיל זיין דעם מענטש מיט כעס און עצבות וכדומה כדי צו צושטערן זיין שמחה. ער מאכט זיכער אז דער יום טוב זאל זיך נישט אויסארבעטן אינגאנצן ווי געפלאנט, ער פלאַנצט איין דא דארט עטליכע קריגערייען צווישן די קינדער, א משפחה סכסוך, אדער סתם א חול-המועד-אויספלוג וואס ווערט צושטערט, און דאס איז גענוג צו פארשפרייטן א וואלקן פון טרויער אויף די גאנצע שמחת יום טוב ח"ו. אונזער עבודה איז זיך צו היטן דערפון, און זיך נישט לאזן פונעם יצר וואס זוכט אונז צו פאנגען אין זיין נעץ.

דער ענין איז אויך מרומז אין די ווערטער פונעם **רמב"ם** אין סוף הלכות לולב, וואו ער שרייבט "השמחה שישמח אדם בעשיית המצוה ובאהבת הקֵל שצוה בהן, עבודה גדולה היא" אז די שמחה של מצוה וואס מיר דארפן זיך פרייען איז אן 'עבודה גדולה' עס איז א גרויסע עבודה.

אויסער די פשוט'ע כוונה אז עס איז א חשוב'ע עבודה, ליגט דא ברמז אז עס איז א שווערע און גרויסע ארבעט וואס נעמט אסאך הארעוואניע אויסצופירן.

**עס מוז זיין אז מיר קענען דאס באווייזן**

נאר וואס דען? דא קומט א וויכטיגע יסוד נפלא: אז די תורה הקדושה האט אונז באפוילן מיט אזא מצוה, איז א סימן אז מיר קענען דאס באווייזן, און יעדער פון אונז האט די מעגליכקייט דאס מקיים צו זיין!

ווי מיר וועלן ווייטער מרחיב זיין מיט די יסוד מפי ספרים וסופרים אז אינעווייניג אין יעדער איד ליגט באמת א כוח צו זיין בשמחה, מיר פארמאגן עס אין זיך. השי"ת האט אונז געגעבן די נאטורליכע מתנה פון זיך קענען פרייען און זיין בשמחה.

די גרעסטע ראיה אז א איד האט אין זיך די כוח פון זיין בשמחה האבן מיר פון דעם וואס חכמינו ז"ל זאגן אונז "אין השכינה שורה אלא מתוך שמחה וטוב לבב", די שכינה רוהט נאר דארט וואו עס איז פארהאן שמחה וטוב לבב. מוז דאָך זיין אז יעדער איד האט אייגעווארצלט אין זיך די מידה, ווייל אז יעדער איד האט אין זיך א חלק אלקי ממעל און השראת השכינה, איז בהכרח אז ער קען זיין בשמחה.

דעריבער ווען די תורה הקדושה גיבט אונז די מצוה פון ושמחת בחגך, דארפן מיר וויסן און אנערקענען אז מיר האבן די כוחות און כלים דערצו, עס איז מעגליך צו באווייזן, ווייל מיר האבן א פנימיות'דיגע כוח פון שמחה, וואס מיר דארפן ארויסברענגען מן הכוח אל הפועל ווי ווייטער ערקלערט בסייעתא דשמיא.

ושְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם

## נישט פארלוירן די שמחת יום טוב

**די גרויסקייט און חשיבות פון די שמחה**

איידער מיר זענען ממשיך ווייטער, לאמיר מקדים זיין א סיפור פון א צדיק, א סיפור וואס מען קען אפלערנען און ארויסנעמען פון דעם א געוואלדיגע מוסר השכל.

עס איז פארהאן א מקובל'דיגע מעשה וואס האט פאסירט ביי הרה"ק רבי נחום פון טשערנאבל - **דער מאור עינים זי"ע** (אנדערע דערציילן די מעשה, אדער ענדליך, וואס האט פאסירט ביי הרה"ק דער ר"ר מיכל'ע זלאטשובער זי"ע) וועלכער האט פארמאגט א גאר טייערע פּאָר תפלין וואס איז געשריבן געווארן דורכ'ן צדיק וקדוש רבי אפרים סופר פון בראד זי"ע, וועמען דער **בעל שם טוב הקדוש זי"ע** האט זייער מחשיב געווען און האט געקויפט זיינע פרשיות.

דער מאור עינים זי"ע האט געלעבט אין גרויס דחקות און ענגשאפט, ביי איהם אין שטוב איז כמעט נישט געווען קיין ברויט צו עסן, און ער מיט זיין משפחה האבן געלעבט חיי צער. עס איז געווען א גרויסער עושר וואס איז געווען גרייט אפצוקויפן די הייליגע תפלין פאר די ריזיגע סומע פון דריי הונדערט רובל, ער האט געבעטן און מפציר געווען ביים מאור עינים אז ער זאל איהם פארקויפן די תפלין, אבער פארשטייט זיך אז דער מאור עינים האט נישט געוואלט הערן דערפון טראץ זיין גרויס ארימקייט און נויט.


והיה אם שמע תש
לכם ונתתי מטר ארצכ
בעת השמרו לכם
עצר את השמים
נתן לכם ושמתם
ולמדתם אתם את
למען ירבו ימיכם

א שטיקל פון די פרשיות פון די דערמאנטע תפלין פונעם מאור עינים זי"ע
בכתי"ק פון הרה"ק רבי אפרים סופר זי"ע

ויהי היום, עס איז געווען א יאר ווען עס האט געהערשט א גרויסע מאנגל אין אתרוגים, און עס איז ממש נישט געווען מעגליך צו קויפן א כשר'ע אתרוג פאר סוכות. איז געווען א סוחר וואס האט פארשאפט אן אתרוג, אבער ער איז נישט געווען גרייט דאס צו פארקויפן, נאר פאר א אויסטערלישע סכום געלט. דער הייליגער מאור עינים זי"ע האט משתוקק געווען צו קויפן דעם אתרוג און מקיים זיין די מצוה פון ולקחתם לכם, ער האט זיך נישט געקענט איינהאלטן, און באשלאסן צו פארקויפן די טייערע תפלין כדי צו קענען קויפן דעם אתרוג מיט די געלט. אומר ועושה, דער מאור עינים האט גענומען די הייליגע תפלין און זיי פארקויפט פארן עושר וואס האט זיי אזוי געוואלט, און אנשטאט דעם האט ער זיך איינגעהאנדלט דעם אתרוג אויף יום טוב.

אנקומענדיג אהיים איז דער מאור עינים זי"ע געווען איינגעהילט אין א געוואלדיגע שמחה של מצוה און האט פשוט נישט געקענט באהאלטן זיין פרייד, פון זיין מויל האט זיך ארויסגעבאפט א שבח והודאה צום אייבישטער וואס האט איהם מזכה געווען מיט די געלעגנהייט צו קויפן דעם טייערן אתרוג.

זיין רעביצין ווען זי האט געכאפט וואס דא האט פאסירט, אז איר מאן האט פארקויפט די חשוב'ע תפלין וואס ער האט קיינמאל נישט מסכים געווען צו פארקויפן אויף צו קענען מפרנס זיין זייער שטוב, און גענוצט דאס געלט צו קויפן א צייטווייליגע מצוה, א אתרוג וואס ווערט גענוצט אויף נישט מער ווי זיבן טעג, האט זי שטארק געוואלט באטראכטן דעם אתרוג, און בשעת זי האט עס גענומען איז עס

אראפגעפאלן אויף דער ערד. פארשטייט זיך אז די אתרוג איז פסול געווארן און מ'האט דאס שוין מער נישט געקענט נוצן.

ווען דער הייליגער מאור עינים זי"ע האט געזען וואס דא האט פאסירט, האט ער זיך תיכף אנגערופן, "**רבונו של עולם, נישט קיין פרנסה, נישט קיין תפלין, און נישט קיין אתרוג, זאל איך נאך פארלירן מיין שמחת יום טוב אויך?! דאס נישט!**" און דערמיט האט ער זיך געשטארקט און אריין אינעם יום טוב בשמחה ובטוב לבב, כאטש ער האט גארנישט פארמאגט.

**עס איז שוין דא - מ'טאר עס נישט פארלירן**

מיר ווייסן ווי חשוב דער ענין פון 'סיפורי צדיקים' איז געווען ביי אונזערע רבי'ס און זיי האבן דאס אפגעלערנט ווי א תורה שלימה, ארויסצונעמען פון דעם הנהגות למעשה.

די מעשה טראגט אודאי אין זיך די געוואלדיגע מוסר השכל, דעם כוח פון א צדיק פון נישט ווערן אין כעס טראצדעם וואס ער האט אלעס פארלוירן, זיין יישוב הדעת, און דאס פארשטיין וואס איז די רצון השי"ת אין אזא פאל. פארשטייט זיך מיר דארפן על כל פנים פראבירן נאכמאכן א ברעקל דערפון, אפס קצהו, הגם עס איז א שווערע נסיון, אבער צומאל קען מען זיך שטארקן אפילו אין אזעלכע מצבים ווען עס גייט נישט גוט.

אבער לענינינו לאמיר דא 'מדייק' זיין נאך א ווארט אינעם מעשה: דער מאור עינים זי"ע האט זיך אויסגעדרוקט אז כאטש ער האט אלעס אנדערש דערלייגט, וויל ער נישט 'פארלירן' זיין שמחת יום טוב. דאס הייסט, אז **שמחת יום טוב איז א מציאות, עס איז פארהאן אין יעדער איד, מען דארף נאר אכטונג געבן דאס נישט צו פארלירן אדער חלילה אוועקוואַרפן בידים.** ממש ווי מיר האבן פריער דערמאנט, אז די שמחה איז א כוח וואס מיר אלע פארמאגן אין זיך, און אז מען וויל דווקא קען מען עס באווייזן, מ'דארף נאר מאכן זיכער אז מ'פארלירט עס נישט ח"ו.

וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים

## נישט זיך לאזן פארפירן

**אוי, ווען נישט די אלע 'חשבונות רבים'**

אודאי איז עס נישט קיין גרינגע עבודה, ווי פריער דערמאנט פונעם ווילנער גאון זי"ע אז דאס איז גאר א שווערע מצוה צו זיין בשמחה, און עס גייט נישט עַל רגל אחת אפצוהיטן די שמחת יום טוב. נאר, מיר דארפן זיך אביסל באקענען און אפלערנען אונזער אייגענע פנימיות כדי צו וויסן וואס זענען די זאכן וואס שטערן אונז און שטייען אונז אין וועג פון קענען ערגרייכן די ריכטיגע שמחה.

כדי צוצוקומען צו די נקודה וואס מיר ווילן ארויסברענגען בעזהשי"ת, וועלן מיר ברענגען א קורצע שמועס פון **מו"ר הגאון רבי יצחק דוב קאפעלמאן ראש ישיבת לוצערן זצ"ל.**

א חתן איז אמאל אריינגעקומען צום ראש ישיבה זצ"ל און איהם געבעטן אז ער זאל איהם זאגן דברי הדרכה איידער ער פאָרט אהיים צו זיין חתונה בשעה טובה ומוצלחת. דער ראש ישיבה האט איהם געענטפערט קורץ און שארף כדרכו, "דו זאלסט זיין בשמחה, און אז דו וועסט זיין בשמחה ממילא וועט זי אויך זיין בשמחה, און ס'וועט זיין א שמחה'דיגע שטוב". דער בחור הערט, און פרעגט צוריק מיט הכנעה, "יא רבי, אבער וויאזוי קען מען זיין בשמחה?" וואס איז די עצה צו קענען זיין אלעמאל פריילידך? עס איז דאָך נישט עפעס וואס קומט אזוי גרינג. ענטפערט איהם הרב קאפעלמאן זצ"ל מיט'ן לשון הפסוק פון **תהלים** "פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב", ווי דוד המלך האט אונז שוין געגעבן די עצה, אז מ'איז עוסק אין תורה, אין די פיקודי השם, דאס זענען די בעסטע 'משמחי לב' וואס ס'איז נאר פארהאנען אויף די וועלט.

דער חתן לאזט אבער נישט נאך און פרעגט ווייטער איידלערהייט, מיט א שאיפה צו פארשטיין באמת, "מיר זעען דאָך אבער ס'זענען דא מענטשן וואס לערנען תורה און זענען נישט בשמחה?".

דער ראש ישיבה זיצט און טראכט א מינוט מיט א פארקנייטשטע שטערן, און דערנאך גיבט ער א זאג פארן בחור: שלמה המלך זאגט אין קהלת, "אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים"... דער מענטש איז באשאפן געווארן יָשָׁר, מיט א גלייכקייט און א שלימות, און בעצם וואלט ער געדארפט ווערן מלא שמחה פון די הייליגע פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים, די תורה וואלט געדארפט באמת דערפרייען זיין נשמה, נאר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים, מענטשן מאכן זיך אליין אָן שאָדן, זיי מאכן קאליע די טייערע מתנה דורך זייערע אייגענע חשבונות און קרומקייטן, און ממילא פארלירן זיי די נאטורליכע שמחה וואס זיי וואלטן געדארפט האבן ווען נישט די אלע 'חשבונות רבים' און די נישטיגע זאכן וואס מאכן חרוב די יַשְׁרוּת און די שלימות האדם.

**חשבונות וואס ברענגען אייגן געמאכטע עגמת נפש**

היוצא לנו, מיר געפונען דא ווייטער דעם יסוד אז יעדער איד פארמאגט באמת אינעווייניג די כוח און מציאות פון זיין בשמחה,

דאס איז א מתנה מיט וואס יעדער פון אונז איז געבוירן געווארן. נאר לצערינו טוען מיר דאס אסאך מאל פאַרפּאַטשקען מיט די "וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים", מען הייבט אָן צו קוקן וואס טוט זיך ביי יענעם, מען לעבט מיט חשבונות פון קנאה און שנאה, און דאס אלעס ברענגט 'אייגן געמאכטע' עגמת נפש רח"ל וואס נעמט אוועק די שמחת החיים פונעם מענטש. דאס אלעס איז א תוצאה פון 'והמה בקשו' אומגעוואונטשענע זאכן וואס מ'האט זיך אליינס גענומען מיט די אייגענע הענט.

איינמאל מיר באקענען זיך מיט'ן מציאות, און מיר ווייסן אז די וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים זיי זענען וואס שטייען אונז אין וועג פון זיין פרייליך, מיר קענען אנווייזן מיט'ן פינגער וואס עס האט פאסירט מיט אונז, וועלכע זאך איז געקומען און צושטערט די פנימיות'דיגע און הייליגע שמחה וואס געפונט זיך אין יעדער איד, דאן קען דאס גאר אסאך ארויסהעלפן און פארגרינגערן אונזער עבודה דאס צוריק צו באקומען.

אצינד ווייסט דער איד וואס זיין ציל איז און וואס ער זוכט, אויב מען וועט זיך פראבירן אפצושאקלען אביסל פון די אלע 'חשבונות רבים' און זיך אביסל דערהייבן העכער די אלע זאכן, וועט מען בעזר השי"ת דאס קענען באווייזן און אנקומען זיך צו פרייען מיט אן אמת, וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם.

וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה

## די סגולה פונעם יום טוב סוכות

**נאך די הייליגע טעג ווערט מען צוריק ישר**

לאמיר לערנען א שטיקל **שפת אמת** (סוכות תרל"ח) וואו ער שטעלט אראפ א יסוד נפלא אין קורצע ווערטער כדרכו בקודש, וזה לשון קדשו:

**"זמן שמחתינו, דכתיב לישרי לב שמחה, לכן אחר ראש השנה ויום הכיפורים שנעשין בני ישראל ישרי לב, דכתיב האלקים עשה את האדם ישר, ורק ע"י לכלוך העוונות חשבונות רבים, ולכן אחר ימי הטהרה מתעורר השמחה".**

זאגט דער שפת אמת, דערפאר איז סוכות זמן שמחתינו, ווייל דעמאלטס זענען מיר זוכה צוריק צו קומען צו אונזער אמת'ע און ארגינעלע מצב פון "אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר". דורכאויס די טעג פונעם יאר ווען א מענטש האט אין זיך עבירות ח"ו און איז פארקראכן פונעם דרך הישר, פעלט אין איהם טאקע די מידה פון 'יַשְׁרוּת' און דעריבער פאַלט מען אריין אינעם מצב פון "וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים", ווייל מ'לעבט פאַרקרומט און נישט ריכטיג. אבער ווען א איד טוט תשובה ראש השנה און יו"כ און ער איז זוכה צו ווערן צוריק גלייך, ער ווערט 'ישר' פון דאסניי, אויף דעם שטייט אין פסוק אין **תהלים** (צ"ז י"ב) וּלְיִשְׁרֵי לֵב שִׂמְחָה, ישרות איז מסוגל אויף שמחה, ווייל אלע זייטיגע חשבונות און נארישקייטן פאלן אוועק, ממילא איז דער מענטש בשמחה. אט דאס איז די סגולה פונעם יום טוב סוכות זמן שמחתינו - צוצוקומען צו שמחה.

**ווען מ'לעבט מיט הסתפקות און ביטול מיט אחדות**

טייל פון אונזערע אייגן געמאכטע פראבלעמען מיט די 'חשבונות רבים' איז ווען דער מענטש איז פארנומען זיך אומצוקוקן אויף אלס און אלעמען פארוואס יענער האט מער ווי מיר, און פארוואס דער האט בעסער פון מיר, און מ'הייבט אָן צו קרעכצן און קלאגן פון קנאה און תאוה אויף אלעס וואס מען האט נישט.

לערנט אונז דער שפת אמת, אז ווען א איד איז לויטער און ריין נאכן האבן מחילת עוונות און טהרה, דאן פאלן אוועק די אלע נישט-גוטע מחשבות און חשבונות. נאך די הייליגע טעג פון תשובה און תיקון המעשים ווערט דער נפש אויסגעלייטערט און ריין, און דעמאלטס איז מסוגל אוועקצוווארפן די אלע שלעכטע מחשבות און חשבונות. די חשבונות רבים פאַסט נאר פאר אזא איינעם וואס איז חלילה פארשמירט מיט עבירות, עס פעלט איהם די לויטערקייט און העכערקייט, אבער אין די מינוט ווען מיר קערן זיך צוריק צום מצב פון ישר, פאלן אוועק די אלע זאכן וואס זענען א סתירה צו שמחה.

נאך מער לערנען אונז די **בעלי מוסר**, אז ווען עס קומט דער יום טוב סוכות איז די צייט וואס א איד קען זיך באמת אנכאפן אין די מידה פון זיין א שמח בחלקו, זיין פרייליך און צופרידן, און נישט זיין פארנומען מיט'ן קוקן און זוכן דאס וואס ער פארמאגט נישט.

סוכות איז א צייט ווען דער איד גייט ארויס פון זיין דירת קבע און גייט אריין אין א דירת עראי, מען גיבט אויף אלע באקוועמליכקייטן, מען גיבט אויף די גאנצע האב און גוטס און מען גייט אריין וואוינען צווישן די פיר האלצערנע ווענט פונעם סוכה'לע, קוים א דאַך איבערן קאפ. יעדער איד ווערט א מסתפק במועט און באגנוגט זיך מיט וואס ער האט.

ווער רעדט נאך אין די צייטן פונעם בית המקדש, ווען אידן זענען געגאנגען עולה רגל זיין, מען האט איבערגעלאזט אלעס אונטער זיך, די גאנצע פארמעגן, די גאנצע שטאט, און מ'איז געלאפן מיט א שמחה זיך מסתופף זיין בצילא דמהימנותא, צו געזען ווערן פארן

אייבישטער. דער מענטש קומט ארויף קיין ירושלים איינער אליינס אָן זיין גאנצע עשירות און רייכטום (אין ביהמ"ק האט מען נישט געמעגט אריינברענגען געלט, ניטאמאל די שיך) ער קומט אריין, שטייט און שטופט זיך 'עומדים צפופים' צווישן רבבות אלפי ישראל רייך און אָרים צוזאמען, און בוקט זיך אויף די ערד מיט די גרעסטע מאס ביטול און הכנעה פארן אייבישטער.

אז מען לעבט אזוי, פארשטייט זיך אליינס אז עקזיסטירן שוין נישט די חשבונות רבים! די מחשבות פון קנאה און שנאה און פירוד לבבות פאלן אוועק ווי פון זיך אליינס, דער מענטש לעבט העכער און ריינער און איז נישט פארנומען מיט אזעלכע דברי הבל. דאס ברענגט די גרעסטע שמחה און שלוה וואס קען נאר זיין. פלוצלינג איז איהם אלעס גוט, ער איז פריילעך און צופרידן, עס פעלט איהם גארנישט.

דאס איז אויך מרומז אין די מצוה פון נעמען די ארבעה מינים, וואס זענען מרמז אויף אלע סארטן אידן וואס זענען פארהאן, "וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר כַּפֹּת תְּמָרִים וַעֲנַף עֵץ עָבֹת וְעַרְבֵי נָחַל", ווען גאנץ כלל ישראל נעמט זיך צוזאם באגודה אחת פיל מיט אחדות און אהבה, דאס ברענגט מיט זיך "וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם". ווייל ווי נאר די חשבונות רבים בין אדם לחבירו ענדיגן זיך, קומט ארויף די ולישרי לב שמחה וואס ליגט טיף אין די הארץ פון יעדער איד.

**אויב וואלט איך געהאט א העמד**

אין ספר **נתיבות שלום** פון כ"ק אדמו"ר מסלאנים זצ"ל ברענגט ער א משל וואס בעלי מוסר האבן געזאגט.

עס איז אמאל געווען א קעניג וואס איז געווארן שטארק אפגעשוואכט, די ריזיגע עול וואס ער האט געטראגן אויף זיינע פלייצעס האט איהם ממש צוגעטריטן צום געזונט, עס האט שלעכט געווירקט אויף זיין נפש, און ער איז אריינגעפאלן אין א שווערע מרה שחורה און צובראכנקייט פון וועלכע ער האט זיך נישט געקענט ארויסזעהן. מען האט געלאזט ברענגען די גרעסטע דאקטוירים און מומחים אז זיי זאלן איהם אונטערזוכן און ארויסשלעפן פון זיין שווערן מצב, אבער אָן ערפאלג, די פארשידענע היילונגס מיטלען און מעדיצינען האבן נישט געווירקט. ביז ס'איז געקומען איין דאקטער און געזאגט אז ער האט א ספעציעלע סגולה, א זיכערע מיטל וואס וועט קענען אויפלעבן און צוריק געזונט מאכן דעם קעניג.

די עצה איז מ'זאל ברענגען פארן קעניג א העמד פון א מענטש וואס איז איין שטיק שמחה, ער לעבט אין פריידן אָן די מינדנסטע עצבות אדער דאגה. די מלבוש פון אזא סארט מענטש וועט משפיע זיין אויף דער וואס טוט עס אָן אז ער זאל אויך ווערן אויפגעלייגט און פריילעך.

די משרתים פונעם קעניג האבן זיך א לאז געטוהן זוכן אינעם גאנצן לאנד, וואו טרעפט מען אט דער פרייליכער מענטש וואס טראגט נישט קיין ברעקל דאגות און איז מלא שמחה. צום ערשט האבן זיי זיך געווענדן צו די גרעסטע עשירים, און געבעטן צו בארגן זייערע העמדער, אבער די רייכע מענטשן האבן באלד קלאר געמאכט אז זיי זענען בכלל נישט קיין פרייליכע מענטשן, אדרבה זיי טראגן אויף זיך א שווערע לאסט פון דאגות טאג און נאכט. פון דארט האט מען זיך געווענדן צו די גרויסע פאליטיקאנטן און רעגירונגס איינגעשטעלטע, אבער אויך זיי האבן מודה געווען אז זיי זענען בכלל נישט רואיג און צופרידן און עס פעלט זיי אסאך שמחת החיים. די זעלבע האט זיך איבערגע'חזר'ט ביי יעדן צו וועמען מ'האט זיך געווענדן, עס איז נישט געווען קיינער וואס האט געקענט זאגן אויף זיך אז ער איז באמת פריילעך און צופרידן.

די משרתי המלך האבן זיך שוין כמעט מייאש געווען פון טרעפן א גליקליכער מענטש וואס איז אינגאנצן פריילעך, זעענדיג אז דאס איז נישט במציאות. ווען פלוצלינג איין טאג באמערקן זיי ווי עס קומט ארויס פונעם וואלד, אן ארימאן, א ארחי פרחי, ער איז געווען האלב נאקעט און בארוועס, אויף זיין לייב זענען געלעגן עטליכע צוריסענע שמאטעס, אבער זיינע אויגן האבן געגלאנצט מיט פרייד, עס איז געווען קענטיג אויף זיין פנים אז ער איז גוט אויפגעלייגט און בשמחה. די משרתים לויפן צו, און הייבן איהם אָן פרעגן אויב ער איז פריילעך, "אודאי בין איך פריילעך, פארוואס דען נישט?!" האט דער מענטש געענטפערט מיט קענטיגע פרייד און רואיגקייט. זיי פרעגן איהם ווייטער אויב ער האט צומאל סיי וועלכע דאגה, "א דאגה? איך האב קיינמאל נישט געהאט אזאנס, אלעס איז מיר גוט און כ'האב נישט אויף וואס צו זארגן".

די משרתים זענען אויפגעשפרינגען מיט התרגשות, ענדליך האבן זיי געטראפן דעם לאנג-געזוכטן מענטש, א מענטש וואס איז מלא שמחה און פארמאגט נישט קיין איין איינציגע דאגה אין זיין לעבן! "ביטע טוה אונז א טובה און גיב אונז דיין העמד, מיר וועלן דיר גוט באצאלן דערפאר" האבן זיי געבעטן. דער מענטש קוקט אויף זיי און ענטפערט מיט א שמייכל, "איך האב נישט קיין העמד... אויב וואלט איך געהאט א העמד וואלט דאס שוין גורם געווען דאגות, איך וואלט זיך געדארפט זארגן עס אויסצוואשן, אדער ווערן צובראכן אויב ס'ווערט צוריסן, וכדומה. די סיבה פאר מיין זארגלאזן לעבן איז טאקע ווייל איך פארמאג גארנישט".

### מרבה נכסים מרבה דאגה

דער משל רעדט פאר זיך אליינס און לערנט אונז אז די סוד צו שמחה און צופרידנהייט האט בכלל נישט צוטוהן מיט'ן האבן אלע גוטע זאכן. אדרבה, מרבה נכסים מרבה דאגה, וויפיל מער מען האט עפנט דאס א פתח צו נאך דאגות און שטערונגען. אמת'ע שמחה און שלוה קומט דווקא פון האבן וואס ווייניגער און וועלן וואס ווייניגער.

און דאס איז די מהות פונעם יום טוב סוכות, וואס מער 'דירת עראי' מען האט, און וואס מער ביטול און אחדות, דאס אלעס מאכט אונז מער און מער 'ישרי לב', מיר גייען צוריק צו אונזער מציאות פון אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר, און דאס ברענגט אונז שמחה און גליקליכקייט. אנדערש ווי דער מענטש מיינט בפשטות אז וואס מער ער וועט האבן, וויפיל רייכער ער וועט זיין, און וויפיל עס וועט איהם גיין גוט אזוי וויפיל יענעם, דאס וועט איהם ברענגן גליק, ניין, דאס אלעס זענען נאר סיבות פאר די 'חשבונות רבים' און נעמען אוועק פון די ישרות און שמחה וואס א איד דארף האבן.

דאס קען זיין דער טעם פארוואס מיר ליינען **מגלת קהלת** אינעם יום טוב סוכות. אין קהלת לערנט אונז שלמה המלך וואס איז די אמת'ע שמחה פון א איד און וויאזוי מ'קומט אָן דערצו. שלמה המלך הייבט טאקע אָן מיט'ן זאגן "הֲבֵל הֲבָלִים אָמַר קֹהֶלֶת וגו' הַכֹּל הָבֶל" רוב זאכן וואס מאכן אונז פרייליך, ווי אויך פארקערט, רוב זאכן וואס מאכן אונז אומצופרידן, זענען הבל הבלים. ווי ער זאגט ווייטער דעם יסוד אין וואס מיר זענען דא עוסק, אֲשֶׁר עָשָׂה הָאֱלֹקִים אֶת הָאָדָם יָשָׁר וְהֵמָּה בִקְשׁוּ חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים, און דאס שטערט אונז צו די שמחה.

דעריבער אינעם זמן שמחתינו, לערנען מיר קהלת, מיר דערהערן די מוסר און הדרכה פון שלמה המלך צו וויסן וויאזוי א איד קען יא זוכה זיין צוצוקומען צו די אמת'ע שמחה וטוב לבב.

אֲבוּקוֹת שֶׁל אוּר זוֹרֵק אַחַת וְנוֹטֵל אַחַת

## אדורכגיין שוועריגקייטן מיט שמחה

### ווען מ'נעמט זיך אליינס די פראבלעמען

עס איז וויכטיג צו באטאנען און קלאר צו שטעלן, אז דאס אלעס וואס מיר האבן גערעדט ביז אהער, רעדט מען נישט פון צרות און פראבלעמען וואס א איד מאכט חלילה באמת מיט - 'חשבונות שמים' וואס מען האט איהם געשיקט פון הימל, וואס דאס זענען נישט די חשבונות רבים וואס מאכן קאליע דעם ענין פון שמחה. דווקא ווען עס איז "**וְהֵמָּה בִקְשׁוּ**" חִשְּׁבֹנוֹת רַבִּים, דער מענטש זוכט זיך פראבלעמען בידים, ער מאכט חשבונות וועגן פלוני און אלמוני, פארוואס דער האט דאס און יענער האט יענץ און ער זעלבסט האט נישט. אדער ער פירט 'חשבונות' מיט די גאנצע שטאט; ראובן איז איהם נישט גענוג מכבד, שמעון באגייט עוולות קעגן איהם, און לוי גריסט איהם נישט גענוג שיין, וכהנה וכהנה, מ'קען אויסרעכענען דוגמאות מער ווי די פאפיר קען דערהייבן. בקיצור, דער מענטש איז נאר פארנומען מיט'ן זוכן וויאזוי נישט צו זיין צופרידן און שמח בחלקו, **אט דאס איז א סתירה צו שמחה און טרייבט אוועק די שמחה בידים ח"ו.** איבערהויפט ווען מ'רעדט פון רוחניות'דיגע שמחה איז זיכער אז אזעלכע סארט קַטנות'דיגע מחשבות און חשבונות זענען א שארפע סתירה דערצו.

אבער די חשבונות שמים, ווען א איד גייט אדורך פארשידענע אמת'ע שוועריגקייטן און נסיונות וואס זענען ליידער נגזר געווארן אויף איהם, די זאכן זענען געווענליך נישט קיין עכטע סתירה צו שמחה. ווי **צדיקים** האבן אונז געלערנט, איז די עבודה פון א איד אדורכצוגיין זיינע שוועריגקייטן מתוך שמחה און התחזקות. אדרבה, שמחה איז א סגולה מבטל צו זיין און גרינגער מאכן די צרות וואס קומען חלילה אויף א מענטש.

עס איז טאקע נישט לייכט און מ'דארף הימלישע כוחות זיך מחזק צו זיין ווען דאס לעבן איז נישט גרינג צו זיין בשמחה. אבער על כל פנים דער מענטש פון זיין זייט שטופט נישט אוועק די שמחה און לעבט נישט אין א מצב וואס איז בעצם א סתירה צו שמחה וטוב לבב.

### די שמחה אין בית המקדש ביי שמחת בית השואבה

ווי שיין און זיס איז דער ענין מרומז אין די דברי אגדה פון חכמינו ז"ל בנוגע די גרויסע שמחה וואס האט געהערשט אין בית המקדש במשך די נעכט פון חול המועד סוכות. לאמיר קודם כאפן א שטיקל בליק וואס האט זיך דארט אפגעטוהן אין בית המקדש, ווי עס ווערט דערציילט אין די משנה און די גמרא **מסכת סוכה:**

ווי מיר ווייסן, בזמן שבית המקדש היה קיים האט מען מקריב געווען יעדן טאג דעם קרבן תָּמִיד אויפן מזבח, די ערשטע קרבן אינדערפרי איז שטענדיג געווען די תָּמִיד שֶׁל שַׁחַר, און די לעצטע קרבן יעדן אווענט איז געווען די תָּמִיד שֶׁל בֵּין הָעַרְבַּיִם. צוזאמען מיט'ן קרבן תמיד האט מען אויך געגאסן 'נְסָכִים' - ווין אין א ספעציעלע לאָך וואס איז געווען ביים ווינקל פון דער מזבח. אין די טעג פון סוכות איז געווען נאך א מצוה, די מצוה פון 'נִיסּוּךְ הַמַּיִם'. אויסער די ווין וואס

מ'האט געגאסן מיט'ן קרבן תמיד אזיווי יעדן טאג, האט מען יעדן טאג פון יו"ט סוכות אינדערפרי אויך געגאסן וואסער אויפן מזבח, אין א ספעציעלע לאָך וואס איז געווען נעבן דער לאך פון די וויין.

לכבוד די חשוב'ע מצוה פון ניסוך המים האט מען געפראוועט גאר א גרויסע שמחה אין די טעג פון סוכות אינעם ביהמ"ק יעדער נאכט חול המועד, די 'שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה' וואו מען האט געטאנצן און געזינגען און זיך משמח געווען איידער מען איז געגאנגען אָנשעפן די וואסער מקיים צו זיין די מצוה פון ניסוך המים.

מוצאי דעם ערשטן טאג יום טוב (אין ארץ ישראל איז נאר דא איין טאג יו"ט, און דערנאך ווערט חול המועד. ביי שמחת בית השואבה האט מען געשפילט מוזיק מיט פארשידענע כלי זמר, ממילא איז נישט פארגעקומען די שמחת בית השואבה יו"ט אדער שבת, נאר חול המועד) איז מען זיך צוזאמגעקומען אין בית המקדש אינעם 'עֶזְרַת נָשִׁים' וואס דאס איז געווען דער ערשטער גרויסער זאַל אין ביהמ"ק ווען מ'קומט אריין פון דער מזרח טויער. די עזרת נשים איז געווען צוטיילט, אויבן איז געווען א גאַלעריע ספעציל פאר פרויען וואו זיי האבן געקענט שטיין און מיטהאלטן די פייערדיגע טענץ און שמחה וואס איז פאָרגעקומען אונטן דורך די מענער. די וואס האבן דארט געטאנצן זענען נישט געווען קיין פשוט'ע אידן, נאר גאר די גרויסע ראשי ישיבות און הייליגע תנאים, זיי האבן געפירט די געהויבענע טענץ און ריקודים, און האבן משמח געווען לכבוד שמחת בית השואבה.

די כלי זמר וואס זענען באשטאנען פון אסאך סארטן אינסטרומענטן, האבן געשפילט און געפויקט פרייליכע ניגונים, און די חסידים ואנשי מעשה האבן געטאנצט אינדערמיט און געזאגט דברי שירות ותשבחות מיט לויב און געזאנג צו השי"ת.

צווישן אנדערע דערציילט די גמרא (סוכה דף נ"ג.) "**תניא אמרו עליו על רבן שמעון בן גמליאל כשהיה שמח שמחת בית השואבה היה נוטל שמנה אבוקות של אור וזורק אחת ונוטל אחת, ואין נוגעות זו בזו**" דער תנא רבן שמעון בן גמליאל פלעגט ווארפן פאַקלען און זיי צוריקכאפן (געדזשאָגעלט מיט פייער), ער האט געקענט ווארפן און כאפן מיט אכט ברענענדיגע פאקלען אָנדעם וואס איינס זאל אנרירן דעם צווייטן.

אזוי אויך דערציילט די משנה אז אינעם עזרת נשים זענען געשטאנען ספעציעל הויכע מנורות, און וויבאלד די עזרת נשים האט נישט געהאט קיין דאַך האבן די מנורות זיך ארויסגעשטעקט און געשיינט גאר ווייט איבער גאנץ ירושלים. יעדע מנורה האט געהאט פיר שיסלעך אויבן (אזיווי א לייכטער פון פיר לעכט) און מען האט געדארפט קריכן מיט א לייטער אנצוקומען צו די שיסלעך, יעדער שיסל האט געהאט זיין אייגענעם לייטער. די יונגע כהנים זענען ארויפגעקראכן מיט א ריזיגע קריגל אויל אנצופילן דערמיט דעם שיסל. עס איז אריין אכט און צוואנציג 'לוג' אויל אין יעדער שיסל (דאס איז 112 מאָל די שיעור 'רביעית' וואס קומט אויס לכל הפחות צוויי און האלב גאלאן אויל). די קנויטן זענען געווען צוזאמגעדרייט פון אלטע בגדי כהונה וואס מען האט שוין נישט געקענט נוצן, האט מען פון זיי צענומען פעדימער און געמאכט קנויטן אנצוצינדן די מנורות לכבוד שמחת בית השואבה. חז"ל דערציילן אז די מנורות האבן געשיינט אזוי ווייט, "ולא היה חצר בירושלים שאינה מאירה מאור בית השואבה" עס איז נישט געווען קיין איין הויף אין ירושלים וואס האט נישט געלאכטן פון די מנורות, כאטש עס איז געווען נאכט האט מען געקענט קלויבן און דורכקוקן ווייץ אינעם גאנצן שטאט צו די שיין פון די מנורות.

אט די שמחה איז אנגעגאנגען יעדע נאכט חול המועד סוכות, דורכאויס דעם גאנצן נאכט, ביז פארטאגס ביים עלות השחר, וואס דעמאלטס האט מען זיך ארויסגעלאזט אנשעפן די וואסער פון א קוואל און עס ברענגען צום בית המקדש פאר די מצוה פון ניסוך המים.

### טוהן חיצוניות'דיגע פעולות צו פאַרמערן שמחה

וואס איז טאקע געווען דער ענין צו פראוועגען אזא סארט 'חיצוניות'דיגע שמחה' אין בית המקדש? וואס באדייט דאס טאנצן און זינגען און טוהן פעולות פון ווארפן פייער אין די לופטן צו פאַרמערן די שמחה? לויט ווי מיר פארשטייען זענען דאס אלעס אויסערליכע פעולות וואס מענטשן טוען כדי צו שאפן א מצב פון שמחה, אבער אין בית המקדש וואו אלעס איז געווען איין שטיק קדושה, רוחניות, דביקות, פארוואס האט דאס אויסגעפעלט? לכאורה וואלט געווען גענוג אז מען פריידט זיך מיט א פנימיות'דיגע סארט שמחה, יעדער שטייט אין זיין ווינקל און איז זיך מתבודד מיט א שמחה של מצוה און א אינערליכע ברען לכבוד די מצוה פון ניסוך המים.

בדרך רמז קען מען ערקלערן דעם ענין, אז דאס גופא האבן אונז די הייליגע חכמים געוואלט לערנען. טאקע די מאורעות החיים, די טאג טעגליכע לעבן פון א איד מיט אירע מאַטערנישן און פלאג, די צרות און שוועריגקייטן וואס זענען באמת חלילה נגזר געווארן אויף א איד פון הימל, דארפן מיר אדורכגיין מיט שמחה! די עצה איז ווען א איד איז זיך מחזק און טוט פעולות צו זיין בשמחה, זיך האלטן פרייליך און פריש מיט שמחה און התחזקות ווי ווייט מעגליך.

און אגב, דער יסוד ווערט דערמאנט באריכות אין פילע **ספרי מוסר וחסידות**, אז ווען א מענטש איז צובראכן און עס פעלט איהם שמחה,

דאן זאל ער טוהן אפילו סתם חיצונית'דיגע פעולות וואס ברענגען איהם שמחה, און דאס וועט איהם דערפרייען און העלפן באמת ווערן בשמחה. אין ספר **ארץ החיים** (ברכות דף ו:) פונעם הייליגן **באר מים חיים זי"ע** שטייט: "ולפעמים שנתגבר העצלות ודאגות בלב איש, עד שאין מקום להתעורר עצמו לדבק בחיות שלו עד שיתעורר לבו בשמחה הגשמי, כגון קחו לי מנגן וגו', או עשה לי מטעמים, או שרואה באיזה דבר הנאה לו, או שמרבה השמחה בבניו ומשחק ומדבר עם התינוק, והכל כדי לעורר השמחה ויהיה מקום לקבל האור החיות הקודש שיבא עליו"... ווען דער מענטש איז חלילה פארלאשן און צובראכן און קען זיך נישט אויפלעבן, זאל ער זוכן אזעלכע זאכן וואס מאכן איהם פריילך און גוטמוטיג, און דאס וועט איהם העלפן צוריק צו קומען צו זיך און מקבל זיין חיות און קדושה.

ענדליך צו דעם שטייט אין ספר **צדקת הצדיק פון הגה"ק רבי צדוק הכהן פון לובלין זי"ע** (אות ר"ס), "כאשר הגוף בעצבות ואין יכול למצוא בלבו שמחה אמיתית, יוכל להרחיב בשחוק שהוא שמחה מְדוּמית לְפָנִים, הגם שאינו באמת בלב, מכל מקום מועיל כלפי הגוף שכולו דמיון".

**די מחשבות און טרדות וואס פלאגן באמת ח"ו**

דאס קען זיין דער רמז פון רבי שמעון בן גמליאל וועלכע האט געווארפן אבוקות של אור אין די לופטן. ווען מ'ווארפט פייער און מ'איז פארנומען צו ווארפן און כאפן די גאנצע צייט, דאס איז א זאך וואס פארנעמט מחשבה און התבוננות. דאס איז מרמז אז עס זענען פארהאן אזעלכע סארט 'חשבונות' וואס מאכן באמת דעם מענטש טְרוּד, זיי האלטן איהם פארנומען און שטרענגען איהם אָן. דאס זענען נישט די 'חשבונות רבים' וואס א מענטש נעמט זיך אליינס און איז פארנומען צו זוכן פראבלעמען, ווייל דאס האט נישט געהאט קיין מקום אין בית המקדש, און זיכער נישט ביי די גרויסע און הייליגע שמחה פון שמחת בית השואבה אויף וועלכע אין **ירושלמי** שטייט אז דעריבער האט עס געהייסן 'שִׂמְחַת בֵּית הַשּׁוֹאֵבָה' ווייל פון דארט האט מען געקענט שֶׁעפּן רוח הקודש... דארט איז פשוט אז אלע אייגן-געמאכטע פראבלעמען זענען געווען בטלים ומבוטלים, מען איז נישט געקומען אהין מיט די נארישע און קַטנות'דיגע חשבונות.

נאר רשב"ג וויל אונז לערנען אז טאקע די חשבונות וואס האלטן פארנומען דעם מענטשן אין לעבן, זיינע מיטמאכענישן און דורכגענג, די נסיונות החיים וואס פארנעמען א גרויס טייל פון די יישוב הדעת און קלארקייט פונעם מענטש, דאס אלעס דארף מען טוהן מיט שמחה. מען דארף טוהן פעולות חיצוניות זיך צו ערוועקן ווי ווייט מעגליך מיט פרייליכקייט און פרישקייט.

אז דער מענטש איז משתדל צו פאַרמערן שמחה און התחזקות אין אלע זיינע פראבלעמען, ברענגט דאס א ליכטיגקייט, עס שיינט אריין אין אלע תחומים פון לעבן. "ולא היה חצר שאינה מאירה מאור בית השואבה" דאס וועט בעזרת ה' פארטרייבן יעדע ברעקל חושך און פינסטערניש, און אריינברענגען א אוֹר און א חיות אינעם לעבן פונעם מענטש, צו קענען ארויסקריכן פון די צרות און ענגשאפטן, מאפילה לאורה ומשעבוד לגאולה.

**וואס די שמחה אינעם זמן שמחתינו לערנט אונז**

היוצא לנו, די שמחה פונעם יום טוב סוכות לערנט אונז צוויי גאר וויכטיגע און הויפט יסודות: פון איין זייט, די אלע ווייטאג און עגמת נפש וואס טוען אונז באמת וויי, דארפן מיר משתדל זיין זיי אדורכצומאכן מיט שמחה און התחזקות. זוכן פעולות און מעשים וואס וועלן אונז דערפרייען און אריינבלאזן אין אונז א פרישקייט, ווייל דאס איז די איינציגסטע וועג צו באלייכטן דאס לעבן. און פון די צווייטע זייט, די אלע חשבונות רבים וואס מיר נעמען זיך בידים, די פראבלעמען און אומצופרידנקייט וואס פלאָגן אונז אומזינסט, איז יעצט די צייט אוועק צו ווארפן און אפלאזן. סוכות ווען מיר זענען אלע זוכה צו זיין ישרי לב, איז א געלעגנהייט ארויסצוקריכן און זיך דערהייבן העכער ווי די נארישע מחשבות פון קנאה, שנאה, און אומצופרידנקייט, מיר קענען זיך אפשאקלען דערפון און אנהייבן לעבן א לעבן פון שמחה און שלוה און צופרידנקייט, וּשְׂמַחְתֶּם לִפְנֵי ה' אֱלֹקֵיכֶם!

**צידה לדרך...**

**וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ**

די תורה הק' שרייבט ביים יו"ט סוכות די ווערטער "וְהָיִיתָ אַךְ שָׂמֵחַ" אז א איד דארף זיין נאר פריילך. **הרה"ק רבי יחיאל פון אלכסנדר זי"ע** האט געזאגט, די ראשי תיבות פון ו'היית א'ך ש'מח איז 'שָׁוְא' - וואס באדייט "פאלש" און ליגנט. ווייל די תורה הק' וויל אונז לערנען אז א מענטש דארף זיך אלעמאל פרייען, אפילו ער האלט נישט דערביי באמת. עס איז בעסער "א פאלשע שמחה" ווי איידער א אמת'ע מרה שחורה.

**א זיסע און פרייליכע יום טוב!**

לע"נ הר"ר **משה שמעון הלוי** ז"ל
בן יבלחט"א אבי מורי הרה"ח ר' **שרגא פייביל** שליט"א

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com